# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XIII. No. 10. 50 CENTS A YEAR JUNE, 1931

## WE DO NOT PROSELYTE

The rabbis say that we proselyte. They express a holy horror when they talk about these "terrible missionaries" and how we "snatch away Jewish souls". And they keep ringing the changes on what a disgraceful thing it is to "change one's religion".

But, all who speak in this way are either wilfully distorting the truth, or they are honestly and innocently ignorant. If they are deliberately misrepresenting the true object of the missionary, we of course can do nothing about it, but must leave them in the hands of a just God. If on the other hand they are just innocently in ignorance, we want to write these few words so as to enlighten them, and we are sure they will take such enlightenment earnestly and in good faith.

### BACK TO OUR FATHERS

The only aim and hope of the Jewish missionary, is to plead with our Jewish people the world over to come back to the faith of our fathers. If this is proselyting, then Noah was a proselyter, and Abraham was a proselyter and Isaiah also a proselyter, and so were all of our greatly beloved prophets and writers of our precious Bible. For, every one of these prophets came to the Jewish people of his generation and begged them, many times with tears, to return to God and to believe once more in the God of Abraham and Isaac and Jacob. Were they all proselyters? Let any honest Jew answer.

Then last of all, came the Lord Jesus Christ Himself, and almost the first words He uttered to our Jewish forefathers were:

> "Think not that I am come to destroy the law or the prophets: I am not come to destroy, but to fulfill" Matt. 5:17.

On another occasion the Lord Jesus Christ had been brutally hated and coarsely treated by the Pharisees, the Jewish leaders of that day, and to them He, in His marvelous insight into human nature, hurled this challenge.

> "Search the Scriptures; for in them ye think ye have eternal life: and they are they which testify of me. Do not think that I will accuse you to the Father; there is one that accuseth you, even Moses, in whom ye trust. For had ye believed Moses, ye would have believed me; for he wrote of me."
>
> John 5:39, 45, 46.

שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפּס וועלען
מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט
אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש.
דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

אדרעס:

THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

So there you have it, dear reader; if you really believe Moses and you really want to have the faith of our forefathers, then you must, as a consistent and logical thinker, believe in the Lord Jesus Christ. Everything He did, and that He said, was according to God's word. Everyone of those who followed Him as His disciples, in the days when He was here upon the earth, was a Jew. The greatest missionary that ever lived and the one who went all over the known world preaching about the Lord Jesus Christ, was Paul, a Jew. Historians estimate that in the first century of the Christian era, about one million Jews believed in the Lord Jesus Christ, and by doing so they really were true Jews.

### JEWS THAT ARE NOT JEWS

A Jew without the Lord Jesus Christ is really not a Jew at all, for he denies the Old Testament Scriptures and he disbelieves the very God who delivered him out of the land of Egypt and gave him such marvelous promises.

Dear reader, how long will you be a Jew who is not a Jew? How long will you keep on refusing to accept the Lord Jesus Christ who fulfilled all the prophecies of our own Old Testament? Will you not think this all over again, and then have respect for the earnest missionaries who are trying to bring you back to God and to the faith of our forefathers, to the faith of Abraham and Isaac and Jacob, and Moses and David and the many other men of God who bore our Jewish name? These men all looked forward to the coming of the Lord Jesus Christ, and they believed in Him even before He came. Will you not today look backward to the hour when He did come, and bow your knee to Him and say out of a sincere heart, "Blessed is He that cometh in the name of the Lord"?

---

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

(Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life."—John 4:14)

Who hath believed our report? and to whom is the arm of the **Lord** revealed? For he shall grow up before him as a tender plant, and as a root out of a dry ground: he hath no form nor comeliness; and when we shall see him, **there is** no beauty that we should desire him. He is despised and rejected of men; a man of sorrows, and acquainted with grief: and we hid as it were **our** faces from him; he was despised, and we esteemed him not. Surely he hath borne our griefs, and carried our sorrows: yet we did esteem him stricken, smitten of God, and afflicted.

### OUR HEADQUARTERS



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

But he **was** wounded for our transgressions, **he was** bruised for our inquities: the chastisement of our peace **was** upon him; and with his stripes we are healed. All we like sheep have gone astray; we have turned every one to his own way; and the **Lord** hath laid on him the inquity of us all. He was oppressed, and he was afflicted, yet he opened not his mouth: he is brought as a lamb to the slaughter, and as a sheep before her shearers is dumb, so he openeth not his mouth. He was taken from prison and from judgment: and who shall declare his generation? for he was cut off out of the land of the living: for the transgression of my people was he stricken. And he made his grave with the wicked, and with the rich in his death; because he had done no violence, neither **was any** deceit in his mouth. Yet it pleased the **Lord** to bruise him; he hath put **him** to grief: when thou shalt make his soul an offering for sin, he shall see **his** seed, he shall prolong **his** days, and the pleasure of the **Lord** shall prosper in his hand. He shall see of the travail of his soul, **and** shall be satisfied: by his knowledge shall my righteous servant justify many; for he shall bear their inquities. Therefore will I divide him **a portion** with the great and he shall divide the spoil with the strong; because he hath poured out his soul unto death: and he was numbered with the transgressors; and he bare the sin of many, and made intercession for the transgressors. (Isaiah 53).

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money:

Address:

THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept in confidence, as evidence of your good faith.

**Question 6. How can you, as an intelligent Jew, believe that Jesus Christ was born of a virgin?**

Answer. If there is any people on earth to whom the virgin birth of the Lord Jesus Christ should be acceptable as an historical fact, but should also be a very precious belief, that people is our own Jewish nation. For after all it was our Jewish forefathers whom God used to write the records of the Old Testament books, beginning with Genesis and going through even to the last book of the New Testament. And these very same Jewish forefathers of ours who wrote these holy records as God told them to write, gave to us some significant facts.

One of these facts is recorded in the first chapter of the book of Genesis and it is majestic in its simplicity; for the statement reads, "In the beginning God created the heavens and the earth."

The second fact to which we would refer, is to be found also in the book of Genesis, the 17th chapter, verses 17 to 19:

"Then Abraham fell upon his face, and laughed, and said in his heart, Shall a child be born unto him that is a hundred years old? and shall Sarah, that is ninety years old, bear? And God said, Sarah thy wife shall bear thee a son indeed."

Now here are two startling facts, that should command the attention of every thoughtful Jew. First, God creates; that is, He actually makes out of nothing, the heavens and the earth. The second fact is that Abraham was 100 years and Sarah was 90 years old, and from natural human experience of the race, we know that it was 90 years old, and from the natural human experience of the race, we know that it was impossible for them to have children. Yet God promised that Abraham and Sarah would have a child, that his name would be Isaac and that through him God would carry out the promise made to Abraham. In other words our own Jewish nation today lives because 4000 years ago God did a miracle by causing a woman 90 years old to give birth to a child, a fact which modern science calls an impossibility.

Now if God was able to create out of nothing this whole world, and if God was able to cause Sarah at the age of 90 to bear a son, Isaac, then in the name of all that is honest and true, why should any Jew question the possibility of God being able to cause the virgin Mary to bear a son?

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**ATLANTIC CITY, N. J.**
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

**DETROIT, MICHIGAN**
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

---

## אונזערע מיסיאָנען :

**איהר קאָנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראַקטאַטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען א־ער שרייבען צו אונזערע פאָלגענדע מיסיאָנען :**

**ברוקלין, נ. י.**
בית שר שלום
27 טרופ עוועניו

**פילאדעלפיא, פא.**
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

**אטלאנטיק סיטי**
בית שר שלום
2603 פאסיפיק עוועניו

**פיטסבורג, פא.**
בית שר שלום
1861 ראָוז סטריט

**דעטראָיט, מישיגען**
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

## פראַגען און אַנטוואָרטען

לעזער פון דיעזען בלאט זענען איינגעלאדענט צו צושיקען פראגען פאר דיעזען קאָלום. די פראגען מוזען זיין אונטערשריבען ביים זענדער, אבער אונטער קיינע אומשטענדען וועלען וועלכע נעמען פארעפענטליכט ווערען צום לעזע פובליקום.

### פ ר אַ ג ע 6

ווי אזוי קאָן אן אינטעליגענטער איד גלויבען אז ישוע המשיח איז געבוירען געוואָרען חוץ לדרך הטבע, פון א מיידעל אהן א מאַן, אזוי ווי איהר באהויפטעט ?

### אַ נ ט װ אָ ר ט

אויב עס איז פאראן א פאָלק וואָס דארף אנערקענען און גלויבען אין דער איבערנאטירליכער געבורט פון ישוע המשיח אלס א היסטאָרישער פאקט, דארף עס זיין דאָס אידישע פאָלק, ווייל דאָס האָבען קיין אנדערע נישט געשריבען נור אונזערע אידישע עלטערן. פון אָנפאנג פון דער תורה ביז צום לעצטען וואָרט ווי אויך דאָס נייע טעסטאמענט האָבען נור אידען געשריבען, און דיזע אידישע אבות וואָס האָבען געשריבען דאָס וואָס גאָט האָט זיי געהייסען האָבען אונז עפּעס חידוש'ליכע טהאטזאכען געגעבען.

איינס פון דיעזע איז אין ערשטען פסוק בראשית. נעמליך, אז גאָט האָט בעשאפען די הימלען און די ערד. דאָס איז עפּיס אזוי חידוש'לעך אז קיין מענשליכער מח קאָן דאָס משיג זיין, דהיינו, ווי אזוי האָט דאָס גאָט בעשאפען הימעל און ערד פון גאָרנישט?

א צווייטע חידוש'ליכען פאקט האָבען זיי אונז פערשריבען אין בראשית 17 וואו מיר לעזען אז אברהם אבינו איז געפאלען אויף זיין פנים לאכענדיג און טראכטענדיג : קאָן א קינד געבוירען ווערען צו א מאַן וואָס איז הונדערט יאָהר אלט ? און קאָן שרה, ניינציג יאָהר אלט, מעוברת ווערען ? און גאָט האָט געזאָגט, אין אמת'ן, שרה וועט דיר געבוירען א זוהן.

דאָ האָט איהר צוויי אונמעגליכע זאכען. צו בעשאפען א וועלט פון גאָרנישט און צו פעראוראזכען אז הונדערט יעהריגע מענשען זאלען האָבען א קינד.

די אידישע נאציע וואלט היינט נישט געווען אין דער וועלט ווען די אונמעגליכע פאקטען וועגען אברהם און שרה זאלען נישט געווען פאסירען.

נו היינט, ווען איהר גלויבט אז גאָט האָט דאָס געקאָנט טהון, פארוואָס קאָנט איהר נישט גלויבען אז גאָט האָט אויך געקאָנט באפעהלען אז דאָס מיידעל מרים זאָל געבוירען ישוע המשיח אהן א מאַן?

---

### פאָרלאַנגט אונזערע טראַקטאַטען :

מה שמו ומה שם בנו.
קין און הבל.
הנה העלמה . . .
לשני בתי ישראל.
דער וכות.
דאָס רעטעניש.
אידישע ימים טובים.
יכרת משיח.

מיר דארפען איהם נישט צוהערען.

דאגעגען אבער ווען זיינע דבורים וועלען יא מקוים ווערען איז ער יא דער נביא כמשה און אידען מוזען איהם יא צוהערען ווייל ווען נישט — איז חלילה "אנכי אדרש מעמו", וועט דאס גאט פון אונז פאדערן און אבנעמען דין וחשבון.

נון איצט ווען מיר לייענען דאס נייע טעסטאמענט וואו עס זענען געשריבען די ווערטער וואס ישוע המשיח האט צו אידען גערעדט בשם ד' אלהי צבאות קנאפע צוויי טויזענד יאהר צוריק און מיר זעהען אז אלע זיינע ווערטער און נביאות זענען בוכשטעבליך ערפילט געווארען איז עס א סימן מובהק אז ער איז דאס דער וועם גאט האט געשיקט צו זיין אונזער הייליגער משיח און גואל ישראל.

אזוי געפינען מיר אין מתתיהו כ"ג: אז ישוע המשיח האט געוויינט איבער ירושלים אין דער צייט ווען די שטאדט איז נאך געשטאנען אין שענסטען גלאנץ און אין הערליכקייט און ער האט געזאגט אט דיזע ווערטער:

"ירושלים, ירושלים, דו וואס האסט גע'הרג'עט די נביאים און האסט געשטייניגט גאט'ס שליחים. וויפיעל מאל האב איך געוואלט דיינע קינדער (די אידען) צוזאם נעמען אזוי ווי א הוהן נעמט צוזאם איהרע קליינע עופה'לעך אונטער איהרע פליגעל און איהר האט נישט געוואלט, אייער הויז (דאס בית המקדש) וועט אייך ווערען וויסט און איך זאג אייך אז איהר וועט מיך מעהר נישט זעהן ביז איהר וועט צו מיר זאגען "ברוך הבא אים נאמען פון גאט".

און אזוי איז עס אויך געשעהן, קארגע 40 יאהר שפעטער נאכדעם ווי דיזע ווערטער זענען געזאגט געווארען איז טיטוס אנגעקומען מיט זיין רוימישער ארמעע און האט אלעם חריב געמאכט.

נאך עפעס האט ישוע המשיח געזאגט וואס איז ערפילט געווארען אויף א מערקווירדיגען אופן. דארט אין מתתיהו כ"ד לייענען מיר אז ווען די תלמידים פון ישוע המשיח האבען איהם באגלייט ארויס פון בית המקדש און האבען איהם אויפמערקזאם געמאכט אויף די אויסערארדענטליכע פראכטפאלע שטיינער וואס די ווענט זענען געמאכט געווארען, האט ער צו זיי געזאגט: אזוי ווי איהר זעהט דא דיזע שעהנע שטיינער, וועט נישט בלייבען איין שטיין אויפ'ן צווייטען, אלע וועלען צושמעטערט ווערען.

און די געשיכטע ערצעהלט אונז ווי וואונדערבאר אויך דיזע נבואה זיינע איז דערפילט געווארען. ווען טיטוס האט געהייסען זיין ארמעע פארברענען דאס בית המקדש, האט ער אויך געהייסען אויסאיינאנדער ווארפען די שטיינערנע ווענד און אויפאקערן אפילו דעם פונדאמענט פון בית המקדש. אזוי, אז עס איז ריכטיג נישט געבליבען איין שטיין אויפ'ן צווייטען אזוי ווי ישוע המשיח האט צופאר נבואות געזאגט.

דיזע און פיעלע אנדערע סמנים וואלטען דאך בעדארפט צו זיין מאסגעבענד גענוג אז אידען זאלען יא אין איהם איינזעהן דעם אמת'דיגען משיח און אין איהם יא גלויבען, דאך ווילען אידען נישט. זיי געהען בעסער נאך דעם פינסטערן "טאג" און נאך אנדערע אזאלכע שווארצע כחות, און זעהען נישט אז דער "אנכי אדרש מעמו" פאלגט אידען נאך שריט אויף טריט. אוי פאדערט דאס נעביך גאט פון אונז! איבעראל אין דער וועלט טשעפעט מען זיך דוקא נור צום איד און דער איד איז ללעג ולקלס בגוים עד היום הזה.

(פיעלע איגנאראנטע אידען האבען זיך געלאזט איינרעדען אז די כותל מערבי איז א טייל פון בית המקדש און זיי געהען דארט אהין קלאגען און וויינען אויף די אידישע צרות. זיי קושען די שטיינער, זיי שלאגען זיך נעביך קאפ אויף יענע שטיינער, עפעס אזוי ווי די שטיינער זאלען זיין א מין עבודה זרה, זיי וויסען גאר נישט אז יענע שטיינער זענען צונויף געלייגט געווארען הונדערטע יאהרען נאכדעם ווי דאס בית המקדש איז שוין געהאט חרוב געווארען).

צום שלום ווילען מיר נור דאס איינע זאגען: אז א ריכטיגער און אמת'ער איד וועט זיך נישט לאזען פארפיהרען פון "טאג", בכן, "ווער עס איז א איד". אן אמת'ער איד איז דער וואס לערענט גאט'ס ווארט און גלויבט אין ישוע המשיח אויף וועם גאט'ס ווארט ציינט אן.

---



## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא דאס בילד און די ביאגראפיע פון דעם גרויסען איד צבי הירש עהרליך פון דער פוילישער גרענעץ.

מר' עהרליך איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין א זעהר פרומען הויז. ביי זיין בר מצוה איז זיין פאטער געשטארבען האט איהם זיין אנקעל צו זיך נאך קראקוי אריבער גענאמען ער זאל דארט אונטער זיין השגחה זיצען על התורה ועל העבודה. און דאס האט ער אויך געטהון. דער אנקעל האט אבער דערהערט אז זיין פלימעניק געהט עפעס אריין צו די דארטיגע מיסיאנערען, און באטש ער האט דעם אנקעל פערזיכערט אז ער געהט דארט נישט אריין אוים סימפאטיע חלילה. נייערט ער זאל זיי פרעגען קשיות און זיי די פערזאמלונגען שטערן, האט דאס איהם דאך נישט בארוהיגט, און מורא האבענדיג אז עס זאל נישט שפעטער זיין צו שפעט, האט איהם דער אנקעל פון דארט אוועק געשיקט צו אן אנדערן אנקעל וואס האט געוואוינט אזש אין לאנדאן, ענגלאנד. וואו עס איז קנאפ מיסיאנערן פאראן (?)

דעם ערשטען שבת נאכמיטאג איז אונזער גרויסער איד ארויסגעגאנגען צו זעהן די שטאדט און אזוי געהענדיג איז ער אריין אין "ווהייט טשאפל ראוד" וואו ער האט דערזעהן א געזעמל מיט מענשען און איינער האט דארט עפעס גע'דרש'ענט צו זיי. ער האט באלד דערפאהרען אז דאס איז מיסיאנערן און אויך דא האט ער דעם רעדנער אונטערבראכען מיט זיינע צו־אפטע פראגען כדי די פערזאמלונג צו שטערן. אבער אמשטאדט אז ער זאל דעם רעדנער בייקאמען איז גאר דער מיסיאנער, ווי תמיד, געווארען ידו על עליונה און מיט זיינע אנגעגעבענע שטעלען פון הייליגען תנ"ך איבערצייגט אז ישוע המשיח איז דער איינציגער גואל פאר אידען בפרט און פאר דער גאנצער מענשהייט בכלל.

יא, יענעם שבת נאכמיטאג האט אונזער גרויסער איד געהאט צו געדענקען זיין גאנץ לעבען. ווייל יענע נאכמיטאגדיגע דרשה האט איבער איהם געמאכט א געוואלטיגען רושם און ער האט זייט דאמאלס שוין אויפגעהערט צו פרעגען פראגען ווייל דער משיח האט איהם שוין אלע זיינע פראגען פארענטפערט. יענע דרשה האט איהם געבראכט צו דעם הייליגען אמת וואס איז אין ישוע המשיח ערפילט געווארען.

א פאר וואכען שפעטער זעהען מיר דעם יונגען מאן גופא דארט אויף דעם אפענעם סקווער אין ווהייט טשאפל ראוד, עפענטליך באקענען ישוע אלס זיין פודה ומציל, און דאס האט אויך בעדארפט זעהן און הערען איינער פון זיין אנקעלס באקענטע, וועלכער איז שנעל ווי א פייל פון בויגען געלאפען איהם אנזאגען די טרויריגע בשורה אז זיין פלימעניק איז גאר געווארען א מיסיאנער. און אזוי שנעל ווי הערשעל איז נור דעם אנקעלס שוועל איבערטרעטען זענען פעטש געפלויגען ווי שפענער און הערשעל איז ארויסגעקומען "בשן ועין" און מיט א ווארף־ארוים דערצו.

נו מילא, — איהר ווייסט דאך — אז אן אנקעל ווארפט ארוים נעמען די מיסיאנערן אריין. און עס האט נישט לאנג גענומען און מ'האט איהם אויך געשיקט שטודירען כדי זיך פערטיג צו מאכען לעבודת הקודש בישוע המשיח ית"ש.

פון יענעם סקווער אויף ווהייט טשאפל ראוד האט אונזער גרויסער איד שפעטער אסאך מאל גע'דרש'נט און אסאך אידען געבראכט די גוטע בשורה פון ישוע המשיח. יענע אידען וואס האט אין זייער הערץ נאך געטליעט א פינטעלע איד האבען זיינע דרשות באהערציגט און האבען דערזעהן אין דיזער אמונה די איינציגע אידישע גאולה און האבען דאראן געגלויבט, צווישען זיי איז אויך געווען זיין טייערע מאמע און זיין יונגערער ברודער און אנדערע אין דער פאמיליע.

אונזער גרויסער איד האט דערלעבט א הויכע עלטער פון 93 יאהר. ער האט איבערגעלאזט אסאך גייסטיגע קינדער וואס האבען איהם געבענשט און בענשען איהם נאך עד היום פאר זיין טרייער שליחות ברענגענדיג צו זיי די גאולה און די נחמה פון ישוע המשיח. מי יתן והיה אז כל ישראל זאלען דאס גלויבען וועט במילא זיין שלום על כל ישראל.

---

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען
טרופ עווע. און וואלטאן סטריט, ברוקלין.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XIII. No. 10. | 50 CENTS A YEAR | JUNE, 1931


## דער טאָג

געוועהנליך איז ליכטיג ביי טאָג און פינסטער ביי־נאכט, אבער דאָס וואָס מיר ווילען אייך ווערטהע לעזער דאָ פאָרברינגען איז א געגצליכע אנאמאליע. ער רופט זיך מיט'ן נאָמען "דער טאָג" וואָלט זיך געדאכט אז דאָרט אין "טאָג" געפינט זיך ליכט, וועלכעס איז אזוי נויטיג אין די־זער פינסטערער צייט וואָס מיר לעבען איצט דורך, צום סוף הויבט זיך גאָר נישט אָן. די פינסטערע מאמרים און פאָרפיהרערישע לעהרע וואָס געהט פון דאָרט ארויס איז קעפּאבעל משפיע צו זיין אויף זיינע לעזער ממש השך מצרים.

עפּעס א איד האָט געהאָט אנגעפרעגט ביי דעם "טאָג" א הארבע שאלה, בכן אויב ער, דער שריי־בער פון יענעם בריעף קאָן בעטראכט ווערען פאר א איד. ער, וועלכער ארבייט אום שבת, ער, וועל־כער כאָפּט זיך אריין מיט זיין מיידעל פאר א טריפה'נען סאפּער און טהוט אזאָלכע זאכען וואָס אפילו זיין זיידע האָט קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט אז ס'קאָן זיך געפינען א איד אויף דער זינדיגער ערד אז ער זאָל זיי טהון. קורץ - איך האָב לגמרי פון מיר ארונטער געוואָרפען דעם אידישען עול, זאָגט ער אין זיין בריעף, נור וואָס'זשע דען, איך האָב מיך שוין אסאך מאָל איינגעשטעלט ווען מ'האָט בעליידיגט אידען. פרעגט ער דערפאר דעם טאָג'ס מיינונג וועגען אזא מין סאָרט איד, אויב ער קאָן אנגערופען ווערען "איד".

דרויף ענטפערט דער גרויסער רעדאקטאָר פון יענעם בלעטעל אז בכן, די גמרא זאָגט אין מגילה י"ג, אז יעדער וואָס לייקענט אין געצען־דיענסט איז שוין א איד. דאָס הייסט: אז ס'מאַכט נישט וואָסאָרא עבירות א איד טהוט אזוי לאנג ער לייקענט נור אין עבודה זרה איז ער שוין א איד.

לאָמיר אייך ווערטהע לעזער אקאָרשט ציטירען יענע גמרא און אייך צייגען ווי פאָרפינסטערט און פארדרעהט, פאָרפיהרט און פאָר'צרה'ט איז דאָס פּשעטל וואָס דער "טאָג" מאַכט איבער דעם.

דאָרט האַנדעלט עס זיך וועגען מרדכי וועלכער ווערט אין דער מגילה אנגערופען "מרדכי היהודי". פרעגט זיך דאָרט, ווי אזוי קאָן ער אנגערופען ווע־רען "יהודי" ווען ער קומט גאָר ארויס פון שבט בנימין? איז די אנטוואָרט: אז די גוים דאָרט האָבען געהאט זייער געצענדיענסט און האָבען גע־וואוסט אז מרדכי האַלט נישט פון זייער ע"ז, ווייל ער האָט דאָך געהאַלטען די אידישע רעליגיאָן. דערפאר האָט מען איהם גערופען "היהודי". דאָרט זענען איבערהויפּט נישט מעהר געווען ווי צוויי רעליגיאָנען, די אידישע רעליגיאָן און די פערזישע געצענדיענסט, נו'זשע, ווען מ'איז נישט א פער־זישער גוי איז מען במילא א איד. דאָכציך דאָס איז דאָך אזוי איינפאך און פשוט אז אפילו א קינד קאָן עס פאָרשטעהן, קומט אָבער דער "טאָג" און מאַכט מיט זיין גראָבען פינגער אזא מין פשט'על, אז בכן א איד ווי שלעכט ער איז, און וואָס אימער ער טהוט, אבי ער לייקענט נור אין עבודה זרה, איז ער שוין א איד. נעמט למשל אן אטעאיסט וועלכער איז אן אויסגעשפּראָכענער כופר בעיקר און א מומר להכעיס, אויב ער איז אָבער אויך צו דערזעלבער צייט א כופר אין עבודה זרה איז ער דערפאר א איד, און אזוי זענען אויך די אנאַרכיסטען און אַלערליי פריידענקער.

געוואַלט, וואָסאָרא שענדליכע מלשינות דאָס איז געגען אידען. און אין וואָסאָרא פינסטער־ניש וויל מען דערמיט אידען איינוויגען! און זיינע ווערטהע לעזער באַלעקען זיך נאָך דערמיט און שוויינען. געוואַלד, וואָס טהוט זיך דאָ מיט דעם אמעריקאַנער אידישקייט? אזא מין הפקרות איז שוין דאָ איינגעטרעטען? זעהט איהר דען נישט צו־וואָס דאָס קען פיהרען, אז יעדער מחלל שבת'ניק, יעדער חזיר פרעסער, יעדער וואָס געהט מיט זיין מיידעל אין א טריפה'נען רעסטאָראַנט אבי ער בוקט זיך נישט צו אן עבודה זרה איז ער שוין א איד. אוי לאותה בושה.

יאָ, דאָס איז א נייע מין עבודה זרה, א נייע סטאַנדאַרדע פאר רעליגיאָן וואָס "דער טאָג" האָט דערמיט בעשאַפען. די הייליגע תורה הייסט איי־נעם פערשטייניגען וואָס איז מחלל שבת, און בע־שטראָפט מיט כרת פאר עסען חמץ בפסח און גיט כרת און סקילה פאר א סאך אנדערע עבירות וואָס איינער איבערטרעט, קומט אָבער דער "טאָג" און גיט ארויס א ניי אידישקייט וואָס וויל אומוואַר־פען גאָט ב"ה, זיין תורה און זיינע הייליגע נביאים, דאַרף מען נאָך א גרעסער פינסטערנייש ווי דאָס איז?

איצט וועלען זיך אונזערע ווערטהע לעזער נישט מעהר וואונדערן פארוואָס דער "טאָג" גלויבט ניט אין ישוע המשיח, און אַרבייט מיט זיינע פינסטערע כחות געגען דיעזער הייליגער אמונה אין משיח. ביי יעדער געלעגענהייט וואָס ער האָט נור.

ווי אמת זענען די ווערטער וואָס ישוע המשיח האָט געזאָגט אין יוחנן 6: "ווען איהר וואָלט גע־גלויבט אין תורת משה וואָלט איהר אויך געגלויבט אין מיר ווייל משה האָט דאָך געשריבען פון מיר". עס איז דאַמאָלס געווען אזא כלל און איז נאָך אזוי ביז'ן היינטיגען טאָג, (אחוץ ביים "טאָג") אז איי־נער וואָס גלויבט נישט אין תורת משה והנביאים און וואַרפט פון זיך אַרונטער גאָטס מצוות, אפילו ער איז נע'מל'עט, הויבט גאָר נישט אָן צו זיין א איד.

אזא איד איז ווי א ברון אָהן וואַסער, א פייער אָהן היץ, און ווי א פיש אָהן וואַסער. אין עבו"ם דף ג' געפינען מיר: "אמר ר' יהודה אמר שמואל מאי דכתוב (חבקוק א) ותעשה אדם כדגי הים... למה נמשלו בני אדם לדגי הים, לומר לך. מה דגים שבים כיון שעולין ליבשה מיד מתים אף בני אדם כיון שפורשים מן התורה מיד מתים".

אָט דאָס איז וואָס בארעכטיגט א איד זיך צו רופען מיט'ן נאָמען איד. נעמליך דער וואָס גלויבט אין מימרא ד', אין תורה נביאים וכתובים, און דער וואָס לערענט און פארשטעהט וואָס גאָט זאָגט דרין, באַגעגענט ער דאָרט עפּעס אזא מין פערזעהנ־ליכקייט וועלכע האָן נישט געפינען קיין גלייכען אין קיין אַנדערע פּערזאָן נור אין ישוע המשיח אין וועמען יעדער איד דאַרף אָננעמען אַלס זיין גואל צדק.

למשל אין דברים י"ח זאָגט אונז גאָט ב"ה דורך משה רבינו: "נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך ונתתי דברי בפיו ודבר אליהם את כל אשר אצונו והיה האיש אשר לא ישמע אל דברי אשר ידבר בשמי אנכי אדרש מעמו". ד"ה, גאָט זאָגט צו משה'ן, איך וועל זיי, די אידען, אויפשטעלען א נביא ווי דו משה ביזט, און איך וועל אין זיין מויל געבען מיינע ווערטער און ער וועט רעדען וואָס איך וועל איהם הייסען, און דער וואָס וועט נישט צו־הערען צו מיינע ווערטער וואָס ער וועט רעדען אין מיין נאָמען פון דעם וועל איך עס פאָדערן.

דאן זאָגט די תורה ווייטער: "וכי תאמר בלבבך איכה נדע את הדבר אשר לא דברו ד'? אשר ידבר הנביא בשם ד' ולא יהיה הדבר ולא יבא. הוא הדבר אשר לא דברו ד' ". ד"ה, ווען א איד וועט וועלען וויסען אויב דאָס וואָס דער "נביא כמשה" וועט רעדען איז טאַקע באמת גאָט'ס וואָרט אז מ'זאָל איהם צוהערען און אין איהם גלויבען? אָט איז א סימן: אַלעס וואָס ער וועט רעדען אין נאָמען פון גאָט און וועט ניט מקוים ווערען האָט דאָס אודאי גאָט נישט געהייסען זאָגען און


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.